NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13234

DOS MESERL

Sholem Aleichem

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום עליכם
דאס מעסערל

דאָס מעסערל

פֿון שלום עליכם

געקורצט און מיט פֿאַרטייטשונגען
צום סוף פֿון יעדער קאַפּיטל

Copyright, 1937
by
FERLAG KINDER RING
of the
Educational Committee
of the Workmens Circle

א

הערט, יידישע קינדער, איך וויל אייך דערציילן אַ מעשה מיט אַ מעסערל; נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשה, נאָר אַן אמת׳ע, וואָס האָט זיך געטראָפן מיט מיר טאַקע אַליין.

צו קיין זאַך אויף דער וועלט האָב איך אַזוי קיין חשק געהאַט ווי צו אַ מעסערל. קיין זאַך אויף דער וועלט האָב איך אַזוי ניט געגאַרט צו האָבן ווי צו האָבן אַ מעסערל, אַן איינן מעסערל. דאָס מעסערל זאָל זיך ליגן אין קעשענע, און ווען איך וויל זאָל איך דאָס מיר אַרויסנעמען, און וואָס איך וויל זאָל דאָס מיר שניידן — און לאָזן מיינע חברים ווּיסן!

איך האָב נאָר וואָס אָנגעהויבן גיין אין חדר, האָב איך שוין געהאַט אַ מעסערל, דאָס הייסט כמעט ווי אַ מעסערל. איך האָב דאָס מיר טאַקע אַליין געמאַכט!

איך האָב אויסגעריסן אַ געגנדזענע פעדער פון אַ פלעדערוויש, פון איין זייט אָפּגעהאַקט, פון דער אַנדערער זייט אויסגעגלעט און האָב מיר פאַרגעשטעלט, עלעהיי עס איז אַ מעסערל און סע שניידט...

— „וואָס איז דאָס פאַר אַ פעדער? וואָס איז דאָס פאַר אַרומטראָגן זיך מיט פעדערן?" — פרעגט מיך דער טאַטע, אַ קראַנקער ייד מיט אַ געל אויסגעטריקנט

פנים, און פאַרהוסט זיך. — „נאַ דיר גאָר פּעדערן, שפּילעכלעך — קהע, הע־הע־הע!"

— „וואָס אַרט דיך, אַז דאָס קינד שפּילט זיך?" ענטפערט אים די מאַמע, א נידעריטשקע יידענע מיט אַ זיידן טיכל אויפן קאָפּ: אַבי אויסעסן זיך דאָס האַרץ!"

שפּעטער, אַז איך האָב שוין געהאַלטן ביי חומש, האָב איך שוין געהאַט כמעט אַן אמת׳דיק מעסערל, אויך מיין אייגענע מלאכה:

איך האָב דערטאַפּט אַ שטיקל שטאָל פון דער מאַמעס „קרינעלינע" און האָב דאָס איינגעזעצט זייער קונציק אין אַ שטיקל האָלץ. דאָס שטיקל שטאָל האָב איך רעכט אָנגעשאַרפט אָן אַ טאָפּ און האָב זיך דערביי, געוויינטלעך, צעשניטן אַלע פינגער.

— זע נאָר, זע, ווי ער האָט זיך דאָס אַ ביסל צעבלוטיקט, דער קדיש דיינער!" שרייט דער טאַטע און נעמט מיך אָן ביי די פינגער אַז די ביינדלעך קנאַקן: „אַ שיינער בחור, קהע, הע־הע!"

„אוי, אַ דונער איז מיר!" זאָגט די מאַמע און נעמט צו ביי מיר דאָס מעסערל און וואַרפט דאָס אַריין אין אויוון אַריין, קוקט נישט אויף מיין געוויין: אַצינד וועט דאָס האָבן אַן עק, ווייי איז מיר ניט!"

איך האָב אָבער גיך באַקומען אַן אַנדער מעסערל, טאַקע אויף דער רעכטער אמת אַ מעסערל. אַ הילצערן קלעצל, אַ קיילעכיקס, אַ בייכיקס, ענלעך אויף אַ פעסל מיט אַ הויקערדיקן קלינגל וואָס האָט זיך אי געעפענט אי פאַרמאַכט.–

– איר ווילט וויסן ווי אַזוי האָב איך דאָס באַקומען איך האָב מיר צונויפגעשלאָגן אַ קאַפּיטאַל פון די אָנבייסנס, און האָב אָפּגעקויפט ביי שלמהלען פאַר זיבן נראָשן מזומן, און דריי בין איך אים געבליבן שולדיק.

אוי, האָב איך דאָס ליב געהאַט! אוי, האָב איך דאָס ליב געהאַט!

געקומען אַהיים פונעם חדר אַ דערהרגעטער, אַ הונגעריקער, אַ שלעפעריקער, אַן אויסגעפּאַטשטער,– איז דאָס ערשטע געווען-אַרויסנעמען דאָס מעסערל פון דער שוואַרצער שאַפע. דאָרט איז עס געלעגן אַ גאַנצן טאָג, ווייל אין חדר האָב איך עס ניט געטאָרט האַלטן און אין דער היים האָט אוודאי קיינער ניט געטאָרט וויסן, אַז איך האָב אַ מעסערל.

נאָך דעם האָב איך דאָס גענומען אויסגלעטן, אויסבערשניידן אַ שטיקל פּאַפּיר, איבערהאַקן אַ שטרוי אויף דער האַלב, און ערשט נאָך דעם צעשניידן מיין חלק ברויט אויף קליינטשקע, קליינטשקע שטיקעלעך, אָנשטעכן אויפן שפּיץ פונעם קלינגל און ערשט נאָך דעם לייגן אין מויל אַריין.

שפּעטער, פאַרן שלאָף, האָב איך דאָס אויסגעריי־
ניקט, אויסגעשייערט, אויסגעפּוצט, גענומען דאָס
שאַרפשטיינדל, וואָס איך האָב געפונען ביי אונדז אויפן
בוידעם, אָנגעשפּיגן און גענומען זיך שטילערהייט צו
דער ארבעט — שאַרפן דאָס מעסערל, שאַרפן, שאַרפן...

דער טאַטע מיט אַ יאַרמלקע אויפן קאָפּ זיצט איבער
אַ ספר, לערנט און הוסט, הוסט און לערנט.

די מאַמע איז אין קיך, פאָרעט זיך ביי דער חלה.
איך הער נישט אויף דאָס מעסערל צו שאַרפן...

פּלוצעם כאַפּט זיך אויף דער טאַטע ווי פון שלאָף:

— ווער פּישטשעט דאָרטן? ווער אַרבעט דאָס?
וואָס טוסטו, שייגעץ איינער?"

ער גייט צו צו מיר און ביינט זיך אָן איבער מיין
שאַרפשטיינדל און כאַפּט מיך פאַרן אויער און פאַר־
הוסט זיך.

— „אַ־אַ־אַ? מעסערלעך?! הע־הע־הע!" זאָגט
דער טאַטע און נעמט צו ביי מיר דאָס מעסערל מיטן
שאַרפשטיינדל: אַזאַ יונגאַטש! קהע־הע־הע!"

איך הייב אָן צו וויינען אויף אַ קול. דער טאַטע
פאַרבעסערט מיר מיט עטלעכע פּעטש און די מאַמע
לויפט אַריין פון קיך מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, מיט
אַ וואַלגער:

ווער פּישטשעט דאָרטן ? ווער אַרבעט דאָס ?

— „שאַ, שאַ, וואָס איז דאָרט אַזעלכס? פאַר וואָס שלאָגסטו אים? גאָט איז מיט דיר! וואָס האָסטו צום קינד? ווי איז מיר ניט!"

— „מעסערלעך?" — שרייט דער טאַטע און פאַרהוסט זיך — „אַ ברעקעלע קינד?! אַזאַ יונגאַטש! קהע-הע-הע-הע! אַ בחור'ל פון אַכט יאָר! איך וועל דיר געבן מעסערלעך, דו פוסטער בחור איינער! אין מיטן דרייען נאָר מעסערלעך, קהע-הע-הע-הע!"

גוואַלד, וואָס האָט ער געהאַט צו מיין מעסערל? וואָס האָט דאָס ביי אים אַזוי פאַרזינדיקט? פאַר וואָס איז ער אַזוי אין כעס?

—

איך געדענק מיין טאַטן כמעט שטענדיק קראַנק, שטענדיק בלאַס, געל און שטענדיק אין כעס, שטענדיק ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט. פאַר אַ מינדסטע נאַרישקייט ווערט ער אָנגעצונדן. אַ גליק וואָס די מאַמע פאַרהיט מיך, זי לייזט מיך אויס פון זיינע הענט.

און דאָס מעסערל מיינס האָט מען פאַרוואָרפן, פאַרוואָרפן אַזוי ווייט, אַז איך האָב דאָס אַכט טאָג געזוכט און געזוכט און האָב דאָס ניט געקאָנט געפינען אין ערגעץ!

איך האָב באַוויינט דאָס הויקערדיקע מעסערל, דאָס גוטע מעסערל. און ווי ביטער און פינצטער מיר איז געווען אין חדר, אַז איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך

וועל קומען אַהיים מיט געשוואָלענע באַקן, מיט רויטע אונטערגעריסענע אויערן פון רבינס הענט — צו וועמען וועל איך זיך קערן און ווענדן?

עלנט בין איך געבליבן אָן דעם הויקערדיקן מע־סערל, עלנט ווי אַ יתום.

קיינער, קיינער האָט ניט געזען מיינע טרערן, וועל־כע איך האָב שטילערהייט פאַרגאָסן ביי זיך, אויף מיין בעטל ביינאַכט קומענדיק פון חדר. שטיל האָב איך זיך אויסגעוויינט, אויסגעווישט די אויגן, אַנטשלאָפן גע־וואָרן, און אויף מאָרגן פרי — ווידער אין חדר אַריין! ווידער דעם רבינס קלעפּ!

און אין דער היים — ווידער דעם טאַטנס כעס, דעם טאַטנס הוסט.

ניטאָ קיין פרייע מינוט, קיין פריילעכע מינע, קיין שמייכעלע, קיין אײנציק שמייכעלע פון קיינעם, פון קיינעם — איינער אַליין, עלנט, עלנט אויף דער גאַנצער וועלט!

פאַרטייטשונגען צו קאַפּיטל א

חשק (כיישעק). — פאַרלאַנג; **חשק האָבן** — וועלן.
געגאַרט — שטאַרק געוואָלט.
פלעדערוויש — אַ פליגל פון אַן עוף (צוזאַמען מיט די פעדערן), וואָס מען באַנוצט אַפּצווישן שטויב אָדער צונויפצונעמען מיסט.

עלעהיי — אזוי ווי; לאָמיר זאָגן — ס׳איז.

מלאכה — דאָ הייסט עס ארבעט.

„קרינעלינע״ — אַ פאַרצייטיק קלייד פאַר פרויען. דאָס קלייד פלעגט זיין זייער ברייט און דעם שטאָף פלעגט מען ארויפציען אויף שטאָלענע רייפן.

פּעסל — Small barrel

קדיש — זון, דאָס הייסט דער וואָס זאָגט קדיש נאָכן טויט פון די עלטערן.

מזומן — באַר געלט, — Cash

הויקערדיק — Hunchbacked

שייערן — רייניקן מיט זאַמד, פוצן, שטאַרק רייבן.

יאַרמלקע — אַ קליין, גרינג היטל, וואָס מען פלעגט טראָגן אויפן קאָפּ אין אַ שטוב, ווייל פרומע יידן האָבן געמוזט האלטן שטענדיק באדעקט זייער קאָפּ.

ספר (סייפער), — געוויינלעך הייסט עס אַ רעליגיעז בוך, אַ בוך אויף צו לערנען.

פּאָרעט זיך — ארבעט, דרייט זיך ארום, פאַרנעמט זיך.

פּאַרקאָטשעטע — אויפגעשארטע און פאַרדרייטע.

מינדסט — קלענסט.

לייזט מיך אויס — באַפרייט מיך.

ב.

פון יענער צייט אָן איז איבערגעגאַנגען אַ יאָר און אפשר אַנדערהאַלבן. איך האָב שוין כמעט אָנ־געהויבן צו פאַרגעסן דאָס הויקערדיקע מעסערל.

עס ווייזט אויס, אַז מיר איז אָבער באַשערט געווען, אַז מיינע אַלע קינדערשע יאָרן זאָל איך אָפּקומען פאַר מעסערלעך. איז געבוירן געוואָרן אַ ניי מעסערל אויף מיין אומגליק, אַ שפּאָגל־ניי מעסערל, אַן אַנטיקל כלע־בן, אַ וואַזשנע מעסערל, מיט צוויי קלינגלעך, טייערע שטאָלענע קלינגלעך, מיט אַ ווייס ביינערן קלעצל, מיט רויטע מעשענע שטיפטיקלעך — איך זאָג אייך, אַן אַנ־טיקל אַ מעסערל!

ווי קומט צו מיר דאָס דאָזיקע טייערע מעסערל? דאָס איז אַ גאַנצע מעשה, אַ טרויעריקע נאָר אַ שיינע מעשה. הערט, איך בעט אייך, מיט קאָפּ.

ביי אונדז איז איינגעשטאַנען אַ רייכער סוחר, אַ ידישער דייטש. געהייסן האָט ער הער הערץ הערצנ־הערץ. געגאַנגען איז ער אָן אַ היטל, אָן אַ באָרד, אָן פאות און, איך בעט איבער אייער כבוד, ביז העבער האַלב אונטערגעשניטן די קאַפּאָטע. איך פרעג אייך, ווי אַזוי האָב איך זיך געקאָנט איינהאַלטן און ניט פּלאַצן פאַר געלעכטער, ווען דער דאָזיקער ידישער גוי אָדער

דער גויאישער ייד האָט צו מיר גערעדט דווקא אויף יידיש, נאָר עפּעס אַ מאָדנעם יידיש, מיט אַ סך פּתחן.

— „נו, ליבסטער קנאַבע, וואָס האַסטו געלערנט דיזע וואָכע ?"

— „כי־כי־כי", האָב איך זיך צעלאַכט און באַהאַלטן דאָס פּנים אין האַנט.

— „זאַגע, זאַגע, מיין ליבעס קינדכען, וואָס האַסטו געלערנט דיזע וואָכע ?"

— „כי־ כי־ כי", האָב איך אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער און בין אַנטלאָפן געוואָרן.

נאָר דאָס איז אַלץ געווען צום אָנהייב, ווען איך האָב אים נאָך גאָרניט געקענט. אָבער נאָך דעם אַז איך האָב זיך שוין גוט באַקענט מיט דעם דאָזיקן דייטשער הערץ הערצנהערץ, האָב איך אים אַזוי ליב געקריגן, אַז עס האָט מיך שוין מער נישט געאַרט, וואָס ער דאַוונט נישט און עסט אומגעוואַשן.

איין זאַך האָב איך ניט געקאָנט פאַרשטיין: פאַר וואָס דער טאַטע, וואָס איז געווען אַן ערלעכער ייד, האָט אים שטענדיק אָפּגעטראָטן דעם אויבנאָן, און אויך אַלע אַנדערע יידן, וואָס פלעגן אַריינקומען צו אונדז אין שטוב אַריין, פלעגן אים שטאַרק אָפּגעבן כבוד:

— „שלום-עליכם, ר' הערץ הערצנהערץ! ברוך-הבא, ר' הערץ הערצנהערץ! זיצט, ר' הערץ הערצנ-הערץ!"

איך האָב אפילו אַ פרעג געטאָן דעם טאַטן, האָט ער מיך אָפּגעשטופּט און האָט מיר געענטפערט:

— „אַוועק, סע ניט דיין עסק. וואָס פּלאָנטערסטו זיך דאָ אַרום? מעגסט נעמען אַ ספר אין האַנט, הע-הע-הע-הע!"

ווידער אַ ספר? איך וויל אויך זען! איך וויל אויך הערן וואָס ער רעדט!

איך גיי אַריין אין זאַל און פאַרגנבע זיך אין אַ ווינקעלע און הער זיך צו, ווי מע רעדט ביי אונדז, ווי דער הער הערץ הערצנהערץ לאַכט אויף אַ קול אין ריי-בערט גראָבע שוואַרצע „ציגאַיערן" וואָס שמעקן מחיה נפשות. פּלוצעם גייט צו צו מיר דער טאַטע און לאָזט מיר אַראָפּ אַ פּאַטש.

— „ביסט שוין ווידער דאָ? דו פּוסטעפּאַסניק! וואָס וועט זיין פון דיר דער תכלית? גוואַלד, וואָס וועט זיין פון דיר, הע-הע-הע-הע!"

דער הער הערץ הערצנהערץ שטעלט זיך איין פאַר מיר: — „אַבער לאַסן זי אים! לאַסן זי אים!"

נאָר עס העלפט ניט. דער טאַטע טרייבט מיך אַרוים. איך נעם אַ „ספר" אין האַנט, נאָר עס ווילט זיך

פאַרט ניט קוקן אין ספר אַריין! וואָס טוט מען? איך גיי פון איין צימער אין דעם אַנדערן, ביז איך קום צו דעם שענסטן פון אַלע צימערן, דאָרטן וואו עס שלאָפט שטענדיק דער הער הערץ הערצנהערץ.

אַך, ווי שיין, ווי ליכטיק דאָרט איז! די לאָמפּן ברע־נען און די שפּיגלען גלאַנצן. אויפן טיש — אַ גרויסער, אַ זילבערנער טינטער מיט שיינע פּענעס; מענטשע־לעך מיט פערדעלעך, מיט צאַצקעלעך, מיטביינדלעך, מיט שטיינדלעך... און אַ מעסערל.

אַך, וואָס פאַר אַ שיין מעסערל!

ווען איך אַ שטיינער זאָל האָבן אַזאַ מעסערל — ווי גליקלעך וואָלט איך געווען! וואָס פאַר אַ מינים זאַכן וואָלט איך מיט דעם אויסגעשניצט!

אַנו, מען דאַרף דאָס פּרואוון—איז עס עפּעס שאַרף? ... אַך! עס כאַפּט אַ האָר! עס האַקט איבער אַ האָר! אַי־אַיאַי, אַ מעסערל!!...

איין מינוט — דאָס מעסערל איז ביי מיר אין האַנט. איך קוק זיך אַרום אויף אַלע זייטן און פּרואוו זיך דאָס אַריינלייגן אויף אַ מינוטקעלע צו זיך אין קעשענע...

עס ציטערט מיר די האַנט... עס קלאַפּט מיר דאָס האַרץ אַזוי שטאַרק, אַז איך הער ווי עס מאַכט: „טיק־טיק־טיק!״

איך הער ווי עמעצער גייט, עמעצער סקריפּעט מיט די שטיוול. דאָס איז ער, דער הער הערץ הערצנהערץ!
אַי־אַי, וואָס טוט מען?

דאָס מעסערל לאָז זיין ביי מיר, איך וועל עס נאָך דעם צוריק אַנידערלייגן. דערווייל דאַרף מען אַרויס־גיין, אַוועקגיין פונדאַנעט, אַנטלויפן! אַנטלויפן!......

איך קאָן שוין קיין וועטשערע ניט עסן. די מאַמע טאַפּט מיך ביים קאָפּ. דער טאַטע וואַרפט אויף מיר בייזע אויגן און שיקט מיך אָפּ שלאָפן...

שלאָפן? איך קען דען צומאַכן די אויגן? איך בין א טויטער!... וואָס טוט מען מיטן מעסערל? ווי אַזוי לייגט מען דאָס אַנידער צוריק?...

פאַרטייטשונגען צו קאַפּיטל ב

אָפּקומען — האָבען צרות, ליידן און דורך ליידן, זיך רייניקן פון זינד.

אַנטיקל — אַ טייערע, אַ זעלטענע זאַך.

װאַזשנע — וויכטיק, גרויסאַרטיק.

שטיפּטיקלעך — טשוועקעלעך אָן קעפּלעך.

דייטש — הייסט דאָ אַ ייד וואָס גייט אָנגעטאָן אין אַ רעקל און ניט אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע וואָס גרייכט ביז איבער די קני. אַ „דייטש" גאָלט די באָרד און פירט זיך אויף ניט אַזוי ווי די פרומע יידן.

ריידן מיט פּתחן — אָנשטאָט אַ זאָגן אָ.

קנאַבע — אויף דייטש הייסט עס יינגל.

אָפּגעבן כבוד — אַרויסווייזן אַכטונג.

שלום־עליכם (שאָלעם־אַלייכעם) — די געוויינלעכע באַגריסונג ביים טרעפן זיך.

ברוך־הבא (באָרעך־האָבאָ) — אַזוי פלעגט מען זיך ווענדן צו אַ גאַסט.

עסק (אייסעק) — זאַך, געשעפט.

פּלאָנטעטעט זיך — פּלאָנטערסטו זיך, דרייסטו זיך אַרום.

אויף אַ קול — הויך.

„ציגאַיערן" — ציגאַרן.

מחיה נפשות — זייער אָנגענעם, זייער געשמאַק, אַז עס דער־קוויקט די נשמה.

פּוסטעפּאַסניק — דער וואָס גייט אַרום ליידיק.

תכלית — ציל, רעזולטאַט. „וואָס וועט זיין פון דיר דער תכלית?" הייסט, „וואָס וועט פון דיר ווערן?"

אַשטייגער — צום ביישפּיל, לאָמיר זאָגן.

ג.

— „קום נאָר אַהער, תכשיט מיינער!" — מאַכט צו מיר אויף מאָרגן דער טאַטע — „האָסטו געזען ערגעץ דאָס מעסערל?"

צו ערשט בין איך געווען זייער דערשראָקן. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ער ווייס, אַז זיי ווייסן אַלע... שיר-שיר האָב איך זיך ניט אַרויסגעכאַפּט: האַ? דאָס מעסערל? אָט איז דאָס!"... עס האָט מיך עפּעס ווי אַ וואָרג געטאָן אין האַלדז און איך האָב מיט ציטערניש געענטפערט:

„וואו — וואָסער מעסערל?"

— „וואו — וואָסער מעסערל! דאָס גילדענע מע-סערל! אונדזער אורחס מעסערל! דו בחורעץ, דו שיי-נעץ איינער, קהע-הע-הע!"

— „וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צום קינד? מישט זיך אַריין די מאַמע, דאָס קינד ווייס ניט פון וואָס צו זאָגן און ער דולט אים אַ ספּאָדיק: מעסערל, מע-סערל!"

— „מעסערל, מעסערל! וואָס הייסט ער ווייס ניט? זאָגט דער טאַטע מיט כעס, אַ גאַנץ פרימאָרגן הערט

ער, ווי מע שרייט: „מעסערל, מעסערל! מעסערל, מע-סערל!" מע קערט איבער די שטוב נאָך דעם מעסערל, פרעגט ער: „וואו — וואָסער מעסערל?" גיי שוין, גיי, וואַש זיך, דו פּוסטער בחור איינער, דו גזילן, קהע-הע-הע!"

איך דאַנק דיר, גאָט וואָס זיי האָבן מיך כאָטש ניט באַזוכט! נאָר וואָס טוט מען ווייטער? מע באַדאַרף דאָס מעסערל באַשטאַטן ערגעץ אויף אַ גוט אָרט...

וואו באַהאַלט מען דאָס? אַהאַ, אויפן בוידעם! איך כאַפּ דאָס אַרויס פון קעשענע און טו דאָס אַ שטופּ אין שטיוול אַריין... איך עס און ווייס ניט וואָס איך עס. איך וואַרג זיך...

— „וואָס כאַפּסטו זיך אַזוי?" פרעגט דער טאַטע.

— „איך אייל זיך אין חדר אַריין", ענטפער איך אים און פיל אַז איך ווער רויט ווי פייער.

— „אַ מתמיד געוואָרן, וואָס זאָגסטו אויף דעם צדיק?" וואָרטשעט ער און קוקט אויף מיר בייז.

קוים-קוים דערלעב איך אָפּצועסן, אָפּצובענטשן.

— „נו, פאַר וואָס גייסטו שוין ניט אין חדר, צדיק מיינער?" פרעגט מיך דער טאַטע.

— „וואָס טרייבסטו אים אַזוי?" זאָגט אים די מאַמע, „לאָז דאָס קינד זיצן אַ מינוט!"

איך בין שוין אויפן בוידעם... ווייט, ווייט באַ־האַלטן ליגט דאָס ווייסע מעסערל. עס ליגט און שווייגט.

— „וואָס קלעטערסטו אויף בוידעמס?" שרייט דער טאַטע. „דו יונגאַטש איינער! דו בר־מצווה־יונג! קהע־העהע!"

— „איך זוך דאָ עפּעס"... ענטפער איך און פאַל שיר נישט אום פאַר שרעק.

— „עפּעס? וואָס הייסט „עפּעס"? וואָס איז דאָס פאַר אַ מין „עפּעס"?

— „אַ ספר... אַ... אַן אַלטע גמרא"...

— „האַ? אַ גמרא? אויפן בוידעם? אַ דו, היצל איי־נער! קריך שוין אַראָפּ, קריך, וועסט שוין לייזן! דו הינטשלעגער, דו כל־בוניק איינער, קהע־העהע!"

נאָר עס אַרט מיך שוין ניט אַזוי דעם טאַטנס כעס, ווי סע אַרט מיך דאָס וואָס איך האָב מורא, טאָמער גע־פינט מען דאָס מעסערל? טאָמער גראָד היינט קריכט מען אַרויף אויפן בוידעם נרעט אויסהענגען?

מע דאַרף דאָס פון דאָרטן אַראָפּנעמען און באַ־שטאַטן אויף אַ בעסער אָרט...

איך גיי אַרום אין איין ציטערניש. יעדער קוק פון נעם טאַטנס אויגן ווייזט מיר אוים, אַז ער ווייס שוין, אַז

אָט־אָט טוט ער מיך אַ כאַפּ ווענן דעם דייטשם מע־סערל ...

איך האָב שוין אַן אָרט אויף דעם, אַ טייער אָרט! וואו? אין דער ערד! אין אַ גריבל ביי דער וואַנט אריינגעשטעקט און פון אויבן רעכט פאַרשאַרט מיט שטרוי, פאַר אַ סימן ...

געקומען פון חדר, כאַפּ איך זיך באַלד ארוים אין הויף אריין, איך נעם מיר פאַוואָלינקע ארוים דאָס מע־סערל און איך האָב קיין צייט אפילו רעכט אָנצושפּיג־לען זיך אין דעם, הער איך שוין דעם טאַטענס געפּיל־דער:

— „וואו ביסטו ערגעץ דאָרט? פאַר וואָס גייסטו שוין ניט דאַוונען? דו וואַסער־פירער! קהע־הע־הע!"

נאָר ווי פיל דער טאַטע יאָגט מיך, ווי פיל דער רבי שלאָגט מיך, איז דאָס בלאָטע קעגן יענעם פאַרגעניגן, וואָס איך האָב, בשעת איך קום פון חדר און זע זיך מיט מיין טייערן, מיין איינציקן ליבן חבר — מיט מיין מע־סערל!

דאָס פאַרגעניגן איז אָבער — אוי, וויי! — אויסגע־מישט מיט ווייטיק, פאַרביטערט מיט שרעק, מיט גרוים, גרוים שרעק!

פאַרטייטשונגען צו קאַפּיטל ג

וועטשערע — אָוונטברויט. —Supper

תכשיט — אַ צירונג, אַ טייערע זאַך; דאָ איז עס אַפּלאַכעריש.

אורח (אוירעך) — גאַסט.

דולן אַ ספּאָדיק — דרייען אַ קאָפּ.

וואַש זיך — דאָ באַטייט עס „גיי עסן", ווייל פאַרן עסן האָט מען געמוזט וואַשן די הענט.

באַשטאַטן — באַהאַלטן.

בוידעם — Attic

מתמיד — אַ פלייסיקער, דער וואָס לערנט זיך שטענדיק.

צדיק (צאַדיק) — זייער אַ פרומער און אַ גערעכטער.

וואָרטשעט — בורטשעט, רעדט אומצופרידן און אין דער שטיל.

גמרא — דאָ הייסט עס איין באַנד פון תלמוד.

(בעט דעם לערער דערקלערן וואָס דאָס איז).

היצל — הינט-כאַפּער, הינטשלעגער.

כלי-בוניק (קאָלבוּיניק) — יונגאַטש, אַזאַ וואָס האָט אַלע שלעכטע אייגנשאַפטן.

גרעט — וועש.

פּאַוואָלינקע — גאַר לאַנגזאַם.

אָנצושפּיגלען זיך — אָנפּרייען זיך, אָנקוקן זיך.

דאָס איז בלאָטע — דאָס האָט קיין ווערט ניט.

ד.

ק ומער־לעבן. די זון זעצט זיך. די לופט ווערט אַ ביסל
קילער. דאָס גראָז שמעקט, די זשאַבעס קוואַקען,
און שטיקער כמאַרעס פליען דורך אָן רענן, פאַרביי
דער לבנה, ווילן זי איינשלינגען. די ווייסע זילבערנע
לבנה באַהאַלט זיך אַלע מינוט און באַווייזט זיך ווידער;
דאַכט זיך, זי שוועבט און שוועבט — און שטייט אויף
איין אָרט.

דער טאַטע זעצט זיך צו אויפן גראָז. ער איז האַלב נאַקעט. ער האַלט איין האַנט אין בוזעם און מיט דער אַנדערער האַנט שאַרט ער ביי דער ערד און קוקט אויפן אויסגעשטערנטן הימל און הוסט. דאָס פּנים אַקעגן דער לבנה איז טויט, פאַרזילבערט.

ער זיצט פונקט אויף דעם אָרט, וואו דאָס מעסערל ליגט באַגראָבן, און ער וויס נאָרניט וואָס אונטער אים טוט זיך! אַך, ווען ער זאָל אַשטייגער וויסן וואָס וואָלט ער געזאָגט? וואָס וואָלט איך געהאַט?

אַהאַ, טראַכט איך מיר אין האַרצן, האָסט מיר פאַר־וואַרפן מיין הויקעררדיק מעסערל, האָב איך איצט אַ ביסל אַ בעסערס, אַ שענערס! דו זיצט אויף דעם און דו ווייסט נאָרניט. אוי, טאַטע! טאַטע!

...אויף דעם אָרט, וואו דאָס מעסערל ליגט באַגראָבן

— „וואָס גלאָצסטו אויף מיר מיט די אויגן ווי אַ קאָ־
טער ?" — כאַפּט מיך אָן דער טאַטע — „וואָס ציצסטו
צונויפגעלייגט די הענט ווי אַ שטאָט־באַלעבאָס ?
„קאָנסט זיך שוין גאָר קיין אַרבעט ניט אָפּזוכן ? קהע־
הע־הע !"

אַלע, אַלע זיינען אַצינד אין דרויסן : דער טאַטע, די
מאַמע, די קלענערע קינדער וואָס זוכן קליינע שטיינד־
לעך און שפּילן אין זאַמדעלעך. דער הער הערץ
הערצנהערץ דרייט זיך אויך אַרום איבערן הויף אָן אַ
היטל, רייכערט אַ „ציגאַרעט" און זינגט אַ דייטש לידל.

ער קוקט אויף מיר און לאַכט. דאָס לאַכט ער פון
מיר אַפּנים וואָס דער טאַטע טרייבט מיך. איך לאַך
אָבער פון זיי אַלע !

אָט באַלד וועלן זיי אַלע גיין שלאָפן, וועל איך זיך
דעמאָלט אַרויסכאַפּן אין הויף אַרויס (איך שלאָף אין
הויז, פון פאָרנט, אויף דער ערד, וואָרעם אין שטוב איז
די היץ שרעקלעך גרויס), איך וועל מיך שוין אָנשפּיג־
לען אין מיין מעסערל !...

דער עולם שלאָפט. שאַ, שטיל אַרום און אַרום. פּאַ־
וואָלינקע הייב איך זיך אויף אויף אַלע פיר, און שטיל
ווי אַ קאַץ גנבע איך זיך אַרויס אין הויף אַרויס.

די נאַכט איז שטיל. די לופט איז פריש, מחיה־
נפשות.

פֿאַמעלעך קריך איך צו צו יענעם אָרט, וואו דאָס מעסערל ליגט באַגראָבן. פּאַוואָליע גראָב איך דאָס אויס פֿון דאָרטן און באַטראַכט דאָס ביי דער לבנה.

עס גלאַנצט, עס בלישטשעט ווי גינגאָלד, ווי אַ בריליאַנט. איך הייב אויף די אויגן ארויף און דערזע — די לבנה קוקט גלייך אַראָפּ צו מיר, אויף מיין מעסערל... וואָס קוקט זי זיך אַזוי איין? איך דר״ זיך אויס צוריק — זי קוקט מיר נאָך! איך פֿאַרשטעל דאָס מעסערל מיטן העמדל — זי קוקט מיר נאָך!

זי ווייס געווים, וואָס דאָס איז פֿאַר אַ מעסערל און וואו איך האָב דאָס גענומען... גענומען? איך האָב דאָס גענגבעט!

דאָס ערשטע מאָל פֿון זינט דאָס מעסערל איז מיינס, קומט מיר דאָס דאָזיקע שרעקלעכע וואָרט אויף די גע־דאַנקען.

גענגבעט? בין איך דאָך הייסט דאָס אַ גנב? פּשוט אַ גנב?

אין דער תורה שטייט געשריבן, אין די צען געבאָט, מיט גרויסע אותיות

לא תגנוב!

זאָלסט ניט גנבענען! און איך האָב גענגבעט!

וואָס וועט מען מיר דערפאַר טאָן אין גיהנם? אוי, ווי! מען וועט מיר אָפּהאַקן די האַנט, די האַנט וואָס זי האָט גענגבעט! מען וועט מיך שמייסן מיט אייזערנע ריטער... מען וועט מיך בראָטן און ברענען אויף הייסע פאַנען... אייביק, אייביק וועל איך גליען...

מע באַדאַרף אָפּגעבן דאָס מעסערל! מע באַדאַרף אַנידערלייגן צוריק דאָס מעסערל! מע באדארף נישט קיין גענגבעט מעסערל! מאָרגן לייג איך אנידער צוריק דאָס מעסערל.

אַזוי טראַכט איך מיר און נעם דאָס מעסערל צו זיך אין בוזעם אריין. פיל איך אז סע ברענט מיך, סע בראָט מיך. ניין, מע באדארף עס צוריק באהאלטן, באַגראָבן אין דער ערד אריין ביז מאָרגן.

און די לבנה פון אויבן קוקט אויף מיר. וואָס קוקט זי? די לבנה זעט, זי איז אַן עדות...

און איך קריך צו פאַוואָלינקע צוריק אין הויז אריין אויף מיין געלעגער און לייג זיך שלאָפן און קאָן ניט אַנטשלאָפן ווערן. איך דריי זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער און קאָן ניט שלאָפן...

מיטן טאָג גלייך שוין בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן. און עס האָבן זיך מיר געחלומט אייזערנע ריטער, און עס האָבן זיך מיר געחלומט מעסערלעך...

נאַנץ פרי האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, אָפּגעדאַװנט און אָפּגעכאַפּט דעם אָנבייסן אויף איין פוס — און מאַרש אין חדר אריין.

— „וואָס כאַפּט דאָס דיך אַזוי אין חדר אריין? — שרייט אויף מיר דער טאַטע — „וואָס־יאָגט דאָס דיך אַזוי? וועסט ניט אָנװערן די תורה דיינע שפּעטער אויך! בענטש בעסער ווי עס קער צו זיין און היפּער ניט קיין װערטער! דו וועסט נאָך צייט האָבן צו זיין אויסגעלאָזט, דו הולטיי איינער, דו גוי איינער, קהע־העו־העו־הע!"

פאַרטייטשונגען צו קאַפּיטל ד

זשאַבעס — פרעש, —Frogs

כמאַרעס — וואָלקנס.

בוזעם — Bosom , אויך ברוסט.

גלאָצן — קוקן מיט ברייט צעעפנטע אויגן.

קאָטער — דער ער פון א קאַץ, —He-cat

שטאָט־באַלעבאָס — א לייטישער מענטש, א פאַרמעגלעכער מענטש, א באַלעבאָס פון שטאָט.

עולם — People

בלישטשעט — גלאַנצט.

גינגאָלד — גאָר גוט גאָלד.

תורה (טוירע) — גאַנצע לערע, חומש.

גיהנם — שטראָפּאָרט פון „יענער וועלט", וואו מען פּייניקט די זינדיקע.

פּאַן — Pan.

עדות (איידעס) — זאָג עדות. —Witness

בענטשן — זאָגן דאָס געבעט פון נאָכן עסן.

עס קער צו זיין — עס באַדאַרף צו זיין.

היפּערן — הופּן, אריבערלאָזן, דורכלאָזן.

הולטייו — פאַרשווענדער, דער וואָס הוליעט שטענדיק.

ה.

פּאָם עפּעס אַזוי שפּעט? טו נאָר אַ קוק אַהער!" האַלט מיך דער רבי פּ י ר און ווייזט מיר אָן מיטן פינ־גער אויף מיין חבר בערל דעם רויטנס, וואָס שטייט אין אַ ווינקעלע מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ — „ועסטו, ווייַ־סער־חברהניק? זאָלסטו וויסן זיין אַז פון היינטיקן טאָג און ווייטער איז שוין זיין נאָמען ניט „בערל רויטנס" ווי ער האָט געהייסן ביז אַהער. ניין! ער הייסט אַצינד אַ שענערן נאָמען; אַצינד הייסט ער: „בערעלע דער גנב!" שרייט זשע קינדער: „בערעלע דער גנאַ־אַ־אַנב! בערעלע דער גנאַ־אַ־אַנב!"

די דאָזיקע ווערטער ציט אויס דער רבי מיט אַ ניגון און אַלע תלמידים כאַפּן אים אונטער:

— „בערעלע דער ג־אַ־נב! בערעלע דער ג־אַ־נב!"

איך בלייב אַ פאַרשטיינערטער און אַ פראָסט גייט מיר איבער אויפן לייב. איך פאַרשטיי ניט וואָס דאָס באַטייט.

— „וואָס שווייגסטו, דו שיינע איינער?" — רופט זיך אָן דער רבי צו מיר מיט אַן אומגעריכטן פּאַטש — „וואָס שווייגסטו, דו גויעץ? דו הערסט דאָך אַז אַלע זינ־

נען. העלף זינגען מיט אַלע גלייך: „בערעלע דער נאַ־אַ־אַנב, בערעלע דער נאַ־אַ־אַנב!"

עס ציטערן מיר הענט און פיס. עס קלאַפּט מיר צאָן אויף אַ צאָן. נאָר איך העלף זינגען: „בערעלע דער נ־אַ־נב!"

— „העכער, שיינער איינער!" — טרייבט מיך אונטער דער רבי — „שטאַרקער! שטאַרקער!"

און איך מיטן גאַנצן כּאָר זינגען אויף אַלערליי קולות: „בערעלע דער נ־אַ־נב! בערעלע דער נאַנב!"

— „ש־ש־ש־ש־ש־אַ־אַ־אַ־אַ־אַ!" שרייט אוים פּלוצעם דער רבי און טוט אַ פּאַטש מיט דער האַנט איבערן טיש — „שאַ! אַצינד וועלן מיר זיך נעמען צום משפּט. (מיט אַ ניגון) אַנו, בערעלע גנב, קום נאָר אַהער, מיין קינד, גיבער זשע, גיבער אַ ביסעלע! זאָג נאָר, יינגעלע, ווי אַזוי רופט מען דיך?" (מיט אַ ניגון).

— „בערל".

— „ווי אַזוי נאָך?" (מיט אַ ניגון).

— „בערל... בערל... דער... גנב!"

— „אָט אַזוי, מיין ליב קינד, אָט אַזוי ביסטו אַ וואויל יינגעלע (מיט אַ ניגון) אַ צינד, בערעלע, נעזונט זאָלסטו מיר זיין, נעם, בערעלע, און צי אַראָפּ פון זיך די הויזע־

וואס שווייגסטו, דו, גויעץ ? חעלף זאָגען...

לעך. אָט אַזוי! נו שוין, און גיכער שוין! אָט אַזוי, בע־
רעשי, מיין טייערער!"

בערל בלייבט שטיין נאַקעט ווי די מאַמע האָט אים געהאַט. קיין טראָפּן בלוט איז אין אים ניטאָ. ער רירט ניט מיט קיין גליד. די אויגן אַראָפּ. אַ געשטאָרבענער, אַ טויטער!

דער רבי רופט אַרויס איינעם פון די גרעסערע תל־מידים, אַליין מיט אַ ניגון:

— „אַנו, הערשעלע דער גרויסער, גיי נאָר אַרויס פונעם טיש. אַהער, צו מיר, געשווינדער, אָט אַזוי. און דערצייל אונדז אַקאָרשט די מעשה פון אָנהייב ביזן סוף, ווי אַזוי אונדזער בערעלע איז געוואָרן אַ גנב. הערט, חברה, מיט קאָפּ".

און הערשל דער גרויסער הייבט אָן צו דערציילן אַ מעשה, ווי אַזוי בערל האָט זיך דערשלאָגן צו אַ צדקה־פּושקע, וואָס זיין מאַמע וואַרפט אַהין אַלע פרייטיק פאַר ליכט בענטשן אַ קאָפּיקע און אַמאָל צוויי; ווי אַזוי בערל האָט זיך דערשלאָגן צו דער דאָזיקער צדקה־פּושקע, אויף וועלכער עס הענגט אַ שלעסעלע; ווי אַזוי בערל האָט מיט אַ שטרויעלע מיט סמאָלע אַרויס־געשלעפּט פון דאָרטן אַלע קאָפּיקעס איינציקווייז ביז לעצט; ווי אַזוי די מאַמע זיינע האָט זיך געכאַפּט, גע־עפנט די דאָזיקע צדקה־פּושקע, דאָרט איז געלעגן אַ

שטרוי, איינגעטונקען אין סמאַלע; ווי אַזוי די מאַמע זיינע האָט אים „צוגעשטעלט אַ בענקעלע"; ווי אַזוי בערל האָט זיך באַלד נאָך דעם רבינס שמיץ מודה גע־ווען, אַז אַ גאַנץ יאָר, אַ קיילעכיק יאָר, האָט ער גע־שלעפּט פון דער צדקה־פּושקע די קאָפּיקעס; ווי אַזוי ער האָט זיך יעדער זונטיק געקויפט צוויי לעקעכלעך מיט אַ באָקסער; ווי אַזוי...

— „אַצינד, קינדער, מישפּט אים! לאָז יעדער זאָגן זיין מישפּט, וואָס קומט אַ גנב, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון אַ צדקה־פּושקע. הערשל דער קליינער, זאָג דו צום ערשטן, וואָס קומט אַזאַ גנב, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס מיט אַ שטרוי פון אַ צדקה־פּושקע?"

דער רבי בייגט איין דעם קאָפּ אויף אַ זייט, ער מאַכט צו די אויגן און שטעלט אונטער דעם רעכטן אוי־ער צו הערשל דעם קליינעם. הערשל דער קליינער ענטפערט הויך, אויף אַ קול:

— „אַ גנב וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון אַ פּושקע קומט... מע זאָל אים קאַטעווען ביז בלוט וועט גיין".

— „משהל, וואָס קומט אַ גנב וואָס שלעפּט קאָפּי־קעס פון אַ צדקה־פּושקע?"

— „אַ גנב", זאָגט משהל מיט אַ וויינענדיק קול, „אַ גנב וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון אַ צדקה־פּושקע קומט, מע זאָל אים אַנידערליינען, צוויי אויפן קאָפּ, צוויי אויף

די פּיס, און צוויי זאָלן אים שמייסן מיט איינגעזאַלצענע ריטער"...

— „טאַפּעלע טוטאַריטו! וואָס קומט אַ גנב וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון אַ צדקה־פּושקע?"

קאַפּל־קוקאַריקו, אַ יינגל, וואָס קאָן ניט אויסריידן קיין קוף און קיין נימל, ווישט אוים דאָס נעזל און זינגט זיין מישפּט מיט אַ קוויטש:

— „אַ דאַנעוו וואָס שלעפּט טאָפּיקעס פון אַ פּושטע טומט אים, אַז אַלע יינדלעך זאָלן צודיין צו אים און זאָדן אים דלייך אין פּנים דריי מאָל אויף אַ טאָל: דאַנעוו, דאַנעוו, דאַנעוו!"

אין חדר ווערט אַ געלעכטער. דער רבי נעמט זיך מיטן נראָבן פינגער אונטערן נאָרגל ווי אַ חזן און רופט מיך אויף מיטן ניגון, וואָס מען רופט אויף אַ חתן:

— „זאָג נאָר דו, שלומניו מיין טייערינקער, דיין מישפּט, וואָס קומט אַ גנב וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון אַ צדקה־פּושקע?"

איך וויל ענטפערן — פאָלגט מיך ניט די צונג. איך ציטער ווי אין אַ פיבער, עס וואַרנט מיך אין האַלדז. אַ קאַלטער שווייס באַשלאָגט מיך פון אויבן ביז אראָפּ. עס פייפט מיר אין די אויערן.

איך זע שוין פאַר זיך ניט דעם רבין, ניט דעם נאַקעטן „בערל דעם גנב", ניט קיין חברים. איך זע פאַר

זיך נאָר מעסערלעך; אָן אַ שיעור מעסערלעך; ווייסע, אָפּענע מעסערלעך, מיט אַ סך קלינגלעך, און דאָרט, ביי דער טיר — הענגט די לבנה, זי שמייכלט און קוקט אויף מיר ווי אַ מענטש...

עס דרייט זיך מיר דער קאָפּ, דער גאַנצער חדר, מיטן טיש, מיט אַלע חברים, מיט דער לבנה וואָס הענגט אויף דער טיר, און מיט אַלע מעסערלעך... איך פּיל ווי די פּיס ווערן מיר אונטערגעהאַקט. נאָך אַ מי־נוט — פאַל איך אום. נאָר איך שטאַרק זיך מיט אַלע כחות און האַלט זיך איין, איך זאָל ניט פאַלן...

פאַרנאַכט קום איך אַהיים און פיל אז דאָס פּנים ברענט מיר, די בעקלעך פלאַמען און אין די אויערן זשומעט מיר.

איך הער, מע רעדט צו מיר, נאָר וואָס — ווייס איך ניט. עפּעס זאָגט דער טאַטע, עפּעס בייזערט ער זיך, וויל געבן פּעטש. די מאַמע שטעלט זיך איין פאַר מיר, צעלאָזט דעם פאַרטעך, ווי אַ קוואָקע די פליגל, בשעת זי באַשיצט אירע הינדעלעך מע זאָל זיי ניט אָנרירן צום שלעכטן...

איך הער נאָר ניט, איך וויל נאָר ניט הערן. איך וויל נאָר, ס׳זאָל ווערן פריער נאַכט, איך זאָל קענען מאַכן אַן עק מיטן מעסערל...

וואָס טוט מען מיט דעם ? מודה זיין זיך און אָפּגעבן דאָס ? וועל איך האָבן בערעלעס מישפּט. אונטערוואַרפן דאָס ?? טאָמער כאַפּט מען מיך . . . פאַרוואַרפן און אַן עק, אַבי פּטור ווערן ! וואוהין פאַרוואַרפט מען דאָס, אַז מע זאָל דאָס ניט געפינען ?

אויפן דאַך ? וועט מען הערן אַ קלאַפּ.

אין גאָרטן ? וועט מען דאָס געפינען.

אַהאַ ! איך ווייס שוין, איך האָב אַן עצה : אַריינוואַרפן אין וואַסער אריין ! אַ טייערע עצה כלעבן — אין וואַסער אריין, אין ברונעם, טאַקע אָט דאָ ביי אונדז אויפן הויף !...

דער דאָזיקער געדאַנק געפעלט מיר אזוי שטאַרק, אַז איך וויל גאָר לאַנג נישט קלערן. איך כאַפּ דאָס מעסערל און לויף גלייך צום ברונעם, און עס דאַכט זיך מיר, אז איך האַלט אין די הענט ניט קיין מעסערל נאָר עפּעס אַ מיאוסקייט, אַ מין שרץ פון וועלכן עס ווילט זיך מיר וואָס גיכער צו באַפרייען זיך, פּטור ווערן.

נאָך כע טוט מיר באַנג — אַזאַ טייער מעסערל ! א מינוט שטיי איך פאַרטראַכט און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האַלט אין האַנט אַ לעבעדיקע זאַך... דאָס האַרץ טוט מיר ווי אויף דעם : בטייטש, בטייטש, עס קאָסט מיר אזוי פיל מי !

און לאָז דאָס מיט אַמאָל ארויס פון די פינגער — „פליוך!"

איך נעם זיך אָן מיט האַרץ און לאָז דאָס מיט אַ מאָל אַרוים פון די פינגער — „פליוך !"... עס טוט אַ פּלעש־טשע דאָס וואַסער, און מער הערט מען נישט...

ניטאָ קיין מעסערל !

איך שטיי נאָך אַ מינוט ביים ברונעם און הער זיך צו — מע הערט גאָר נישט. דאַנקען גאָט, פּטור גע־וואָרן. כאָטש דאָס האַרץ קלעמט מיר, טוט מיר וויי: סטייטש, אַזאַ מעסערל, אַזאַ מעסערל !

איך גיי צוריק צו מיין געלעגער און זע ווי די לבנה קוקט מיר נאָך. און עס דאַכט זיך מיר, אַז זי האָט גע־זען אַלץ וואָס איך האָב דאָ געטאָן. און איך הער ווי אַ קול פון וויטנס:

— „אָבער דו ביסט פאָרט אַ גנב! כאַפּט אים, קלאַפּט אים, ער איז אַ גנב, אַ גאַ־אַ־נב !"

איך גנבע זיך אריין צוריק אין הויז אריין און לייג זיך שלאָפן. און עס חלומט זיך מיר, אַז איך לויף, איך שוועב, איך פלי אין דער לופטן מיטן מעסערל, און די לבנה קוקט אויף מיר און זאָגט:

— „כאַפּט אים, קלאַפּט אים, ער איז אַ גנב! אַ גאַ־אַ־נב!!!"...

פאַרטייטשונגען צו קאַפּיטל ה

װײַסער־חברהניק — יונגאַטש, שטיפער.

ניגון — Melody

תלמידים — שילער.

אומגעריכט — אומדערוואַרט.

צדקה־פּושקע — אַ פּושקע וואוהין מען וואַרפט געלט פאַר אָרעמע.
—Alm box

סמאָלע — Tar, Pitch

צוגעשטעלט אַ בענקעלע — באַקלאָגט זיך פאַרן רבין, מיטן ציל דער רבי זאָל אָפּשמײַסן.

זיך מודה געווען — אויסגעזאָגט, אַז מען האָט עפּעס אָפּגעטאָן.

באָקסער — Carol bean, Johnson Bread

קאַטעווען — שמײַסן.

קוואָקע — הון.

ברוגעס — Well

מיאוסקייט — אַ מיאוסע זאַך, אַן עקלדיקע זאַך, אַ וואָרעם, אַ שרץ.

שרץ (שערעץ) — אַ קריכיקע באַשעפעניש, אַן עקלדיקע זאַך.

עס טוט מיר באַנג — עס פאַרדריסט מיר.

ו.

אַ לאַנגער, לאַנגער שלאָף! אַ שווערער, זייער אַ שווע-
רער חלום! עס ברענט אין מיר אַ פייער. עס
זשומעט מיר אין קאָפּ. אַלץ וואָס איך זע איז רויט ווי
בלוט.

ברענעדיקע ריטער פון פייער קאַטעווען מיין לייב
און איך דריי זיך אין בלוט. ארום מיר דרייען זיך שלאַנ-
נען און עגדישן. זיי האַלטן אָפן זייערע מײַלער און ווילן
מיך איינשלינגען...

נלייך אין אויער אריין הער איך אַ בלאָז: טהו-טו-
טו-טו! און איינער שטייט איבער מיר און שרייט אויף
אַ קול מיט אַ ניגון, צום טאַקט: „שמייסט אים! שמייסט
אים! ער איז אַ ג-אַ-נב!!!" און אַליין שריי איך:
„גוואַלד, נעמט צו פון מיר די לבנה! ניט איר אָפּ דאָס
מעסערל! וואָס האָט איר צו בערלען נעבעך? ער איז
ניט שולדיק — דאָס בין איך אַ ג-אַ-נב! אַ ג-אַ-נב!"...
אַ-נב!"...

און ווייטער געדענק איך ניט — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך עפן אויף איין אויג און דאָס אַנדערע אויג...
וואו בין איך? דאַכט זיך אויף אַ בעט? וואָס טו איך

דאָ? ווער זיצט דאָס אָט דאָרט אויף אַ בענקל ביים בעט?

אַ! דאָס ביסטו, מאַמע? מאַמע!... זי הערט מיך ניט! .... מאַמע!, מאַמע! מאַאַאַמע!!!...

וואָס הייסט דאָס? מיר דאַכט אַז איך שריי אויף אַ קול?... שאַ! איך הער זיך צו — זי וויינט? זי וויינט שטילערהייט. אויך זע איך דעם טאַטן מיט זיין געל קרענקלעך פּנים. ער זיצט איבער אַ ספר און זאָגט עפּעס שטילערהייט און הוסט און זיפצט און קרעכצט...

עס ווייזט אויס אַז איך בין שוין געשטאָרבן... גע־שטאָרבן?.... מיט אַ מאָל פיל איך ווי עס ווערט מיר ליכטיק אין די אויגן, גרינג אין קאָפּ, גרינג אין אַלע אברים. עס קלינגט מיר אין איין אויער, אינעם אַנדערן אויער: דזזננננו!!! איך גיב אַ נים: אַפּצשי!...

— „צו געזונט! צו לאַנגע יאָרן! אַ גוטער סימן!

מע דרייט זיך אַרום מיר, מע קוקט אויף מיר. יעדער גייט צו און טוט מיר אַ טאַפּ ביים קאָפּ. מע שפּרעכט מיך אָפּ, מע לעקט מיר דעם שטערן און מען שפּייט אוים.

און מע קעבלט מיך: מע גיסט מיר אין מויל אַריין זודיקע יויך און מע שטופּט מיר מיט לעפּעלעך איינגע־מאַכטס. אַלע דרייען זיך אַרום מיר, מע היט מיך אָפּ ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג. מע האָדעוועט מיך

מיט יאַייכלעך און מיט קאַטשקעלעך ווי אַ פּיצעלע קינד. און מע לאָזט מיך ניט אַליין.

עס זיצט שטענדיק לעבן מיר די מאַמע און דער־ציילט מיר איבער אַלע מאָל איבער אַ ניים די גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי מע האָט מיך אויפגעהויבן פון דער ערד כמעט אַ טויטן; ווי אַזוי איך בין געלעגן צוויי וואָ־וואָכן נאָך אַנאַנד אין אַ העליש פייער און האָב נאָר גע־קוואַקעט ווי אַ זשאַבע, און עפּעס געהאַלטן אין איין ריידן פון שמיץ און פון מעסערלעך... מע האָט שוין נערעכנט, אַז איך בין שוין חלילה געשטאָרבן... און נאָך דעם, פּלוצעם, האָב איך אַ נים געגעבן זיבן מאָל, ממש פון טויט לעבעדיק געוואָרן...

— „היינט זעען מיר וואָס פאַר אַ גאָט מיר האָבן!"
— לאָזט אויס די מאַמע מיט טרערן אויף די אויגן —
„שיר־שיר נישט אָנגעוואָרן אַ קינד חלילה, מיר זאָל זיין פאַר דיינע ביינער, און איבער וועמען? איבער וואָס? איבער אַ יינגל אַ גנב, עפּעס אַ בערעלע, וואָס דער רבי האָט פאַרשמיסן אין חדר ביז אין בלוט אריין. אַז דו ביסט געקומען צו ניין פון חדר, ביסטו שוין געווען אַ טויטער, דער מאַמען זאָל זיין פאַר דיר! דאָס איז אַ רוצח, דאָס איז אַ גזלן, גאָט זאָל אים באַצאָלן! ניין, מיין קינד, אַז גאָט וועט אונדז שענקען דאָס לעבן און דו וועסט אויפשטיין געזונטערהייט, וועלן מיר דיך שוין

אָפּגעבן צו אַן אַנדערן מלמד, ניט אַזאַ רוצח ווי אָט דער רבי!״

די דאָזיקע נײַעס איז בײַ מיר שרעקלעך אָנגעלייגט. איך כאַפּ ארום די מאַמע קושן:

— „טײַערע, טײַערע מאַמע!״

און דער טאַטע גייט צו צו מיר פּאַוואָליע, לייגט ארויף זיין בלייכע קאַלטע האַנט מיר אויפן שטערן און זאָגט צו מיר שוין ווייך, אָן אַ שום כעס:

— „אַי, האָסטו אונדז איבערגעשראָקן, דו שקאָץ איינער, קהע־הע־הע־הע!״

און דער יידישער דייטש אָדער דער דייטשער ייד הער הערץ הערצנהערץ, מיט אַ „ציגאַיער״ אין די ציין, ביינט זיך אָן מיט זיין געגאָלטער מאָרדע איבער מיין בעטל און טוט מיך אַ גלעט איבערן בעקל און זאָגט אויף דייטש:

— „גוט, גוט! געזונט, געזונט!״

* *

*

אין אַ פּאָר וואָכן ארום נאָך מיין אויפשטיין פון בעט רופט זיך אָן צו מיר דער טאַטע:

— „נו, מיין זון, אַצינד גיי אין חדר אריין, און האָב שוין מער ניט אין זינען קיין מעסערלעך מיט קיין נאַרישקייטן... שוין צייט זאָלסט שוין אָנהייבן ווערן אַ שטיקל מענטש, איבער דריי יאָר ווערסטו שוין בר־מצווה, צו הונדערט און צוואַנציק יאָר, קהע־הע־הע!"

מיט אַזעלכע זיסע ווערטער שיקט מיך דער טאַטע ארוים אין חדר אריין צום נייעם מלמד. דאָס ערשטע מאָל הער איך פון מיין בייזן טאַטן אַזעלכע גוטע ווייכע ווערטער. איך זאָל מיך ניט שעמען, וואָלט איך אים אַרומגעכאַפּט קושן. נאָר, כי־כי־כי — ווי אַזוי קושט מען אַ טאַטן?...

די מאַמע ניט מיר אין חדר אריין אַ גאַנצן עפּל מיט צוויי גראָשן, און אויך דער דייטש שענקט מיר אַ פּאָר קאָפּיקעס מיט אַ קניפּ אין בעקל, רעדט אויף זיין שפּראַך:

— „היפּשער קנאַבע! גוט, גוט!"...

איך נעם די גמרא אונטער דער האַנט און גיי אין חדר אריין, ווי אַ ניי־געבאָרענער, מיט אַ ריין האַרץ, אַ גרינג האַרץ, מיט אַ לויטערן, קלאָרן קאָפּ, מיט נייע געדאַנקען, מיט פרישע, ערלעכע, פרומע געדאַנקען.

די זון קוקט אראָפּ און גריסט צו מיר מיט אירע וואַרעמע שטראַלן. עס הייבט מיך, עס טראָגט מיך אין

דער לופטן. עס ווילט זיך מיר לויפן, שפרינגען, טאַנצן — אַך, ווי גוט, ווי זיס דאָס איז, אַז מע לעבט און מען איז אַן ערלעכער, מען איז ניט קיין גנב, ניט קיין ליגנער!

איך קוועטש צו די גמרא צום האַרצן שטאַרק-שטאַרק. איך לויף אין חדר אריין געשמאַק-געשמאַק, און איך שווער, אז איך וועל קיין מאָל, קיין מאָל ניט פאַרטשעפּען קיין פרעמדס; קיין מאָל, קיין מאָל ניט גנבענען; קיין מאָל ניט לייקענען; שטענדיק זיין אַן ערלעכער, אַן ערלעכער, אַן ערלעכער...

פאַרטייטשונגען צו קאַפּיטל ו

ענגדישן — יאַשטשערקעס, קריכיקע באַשעפּענישן.

אברים (איוורים) — גלידער.

מזל־טוב (מאַזל־טאָוו) — די באַגריסונג ביי יעדער גליקלעכער געשעעניש, דאָס צוואווינטשן גליק.

קעבלט — גיט גוט עסן, קאָכט ספּעציעל פאַר מיר, פאַרציט מיך.

אָפּשפּרעכן, אָפּלעקן דעם שטיין און אויסשפּייען — דאָס זיינען געווען מיטלען צו פאַרטרייבן די ווירקונג פון אַ בייז אויג.

העליש פייער — אַ גרויס, שטאַרק פייער, דאָס פייער פון גיהנם.

רוצח (רויצייאַך) — מערדער.

מלמד (מעלאַמעד) — רבי.

געגאָלטע מאָרדע — געראַזירט פּנים, —Shaved chin

אויסגעלאָזט — צעלאָזן.

איך קוועטש די גמרא צום האַרצן שטאַרק־שטאַרק. איך לויף אין חדר אַריין געשמאַק־געשמאַק, און איך שווער, אַז איך וועל קיין מאָל, קיין מאָל ניט פֿאַרטשעפּען קיין פֿרעמדנס.

פארלא

קינדער-רינג

ביי דעם

ארבעטער רינג

בילדונגס קאמיטעט

ניו יארק, נ. י.